**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גייסטישע געזונטהייט דערגרייכונג: גאווערנאר האקול מעלדט 1,000 פסיכיאטרישע בעטן געעפענט דורכאויס ניו יארק זייט ארייננקומען אין אפיס**

***ברענגט ארויס דערגרייכונג ביים עפענונג פון נייע, סטעיט-פינאנצירטע קינדער'ס פסיכיאטרישע צענטער ביי מאנטיפיורי-איינסטין אין די בראנקס***

***באדייטנדע איסברייטערונג רוקט פאראויס גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו גייסטישע געזונטהייט ריסאורסעס***

גאווערנאר Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן די עפענונג פון א נייע סטעיט-פינאנצירטע 21-בעטן אינפעישענט פסיכיאטרישע פאסיליטעט צו סערווירן קינדער ביי די ניו יארק סיטי קינדער'ס צענטער (New York City Children's Center) קאמפוס אין די בראנקס. אפערירט דורך Montefiore Medical Center מיט פינאנצירונג פון די סטעיט, טוט די 18,300-סקווער-פיסיגע פאסיליטעט רעפרעזענטירן אן אייגנארטיגע צוזאמענארבעט צו סערווירן יונגע מענטשן וואס ליידן פון ערנסטע אויפפירונג געזונטהייט פראבלעמען און וועט ברענגען די סך הכל אינפעישענט קאפאציטעט געברענגט אנליין דורך גאווערנאר Hochul (האקול) צו 1,000 בעטן דורכאויס דעם סטעיט.

"מיר זענען פארפליכטעט צו פארמערן די אפציעס פאר פאמיליעס וואס דארפן צוטריט צו אינטענסיווע אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס, און נאך וויכטיגער, צו צושטעלן ערשט-קלאסיגע קעיר פאר אלע קינדער וואס ליידן פון גייסטישע קרענק," **האט גאווארנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "Montefiore Einstein'ס מאדערנע צענטער פאר קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט (Center for Children's Mental Health) טוט רעפרעזענטירן די שטארקע שותפות וואס מיר האבן מיט אונזערע קאמיוניטי-באזירטע שפיטעלער, און אונזער אנגייענדע פארפליכטונג צו צושטעלן די בעסטע קעיר וואס איז נאר שייך פאר אונזערע יונגווארג און שטיצע פאר זייערע פאמיליעס."

לאקירט אויף 1300 Waters Place, טוט Montefiore Einstein'ס נייע איינהייט זיך געפונען אויף די בראנקס קאמפוס פון די ניו יארק סיטי קינדער'ס צענטער און טוט פארמאגן 21 בעטן צו סערווירן יונגווארג צווישן די עלטער פון 5 ביז 17 יאר. די נייע צענטער וועט צושטעלן אינטענסיווע באהאנדלונג פאר יונגווארג מיט ערנסטע אויפפירונג געזונטהייט פראבלעמען, ארייננגערעכנט שווערע דעפרעסיע, אנגעציגנקייט, טראומא, מחשבות פון זעלבסט-מארד, סייקאוסיס, און אנדערע שווערע פסיכיאטרישע פראבלעמען.

גאווערנאר Hochul (האקול) האט זיך צאמגעשטעלט מיט די קאמישענער פאר די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) Dr. Ann Sullivan (דאקטאר ען סאליוען), Montefiore Einstein פרעזידענט און CEO Dr. Philip O. Ozuah (דאקטאר פיליפ א. אזוא), אזעמבליד מיטגליד Michael Benedetto (מייקעל בענעדעטאו) און אנדערע לאקאל-ערוועהלטע באאמטע פאר א וואק-טרו

פון די נייע פאסיליטעט, אריינגערעכנט אירע קלאס-צימערן און אנדערע באהאנדלונג פלעצער. דערנאך, האט גאווערנאר Hochul (האקול) זיך געטראפן מיט Joziah (דשאוזיע), א 12-יעריגע פון מענהעטען, וואס האט זיך באטייליגט ביי די קורצע ריבען-קאטינג צערעמאניע מיט זיין מאמע, Courtney (קארטני), צו מיטטיילן זייערע ערפארונגען מיט די גייסטישע געזונטהייט סיסטעם.

מיט די אינפעישענט קאפאציטעט וואס די צענער געבט צו, איז גאווערנאר Hochul (האקול) שוין געשטאנען איבער די פארברייטערונג פון נאך 1,000 פסיכיאטרישע אינפעישענט בעטן איבער'ן סטעיט. איבעראל, זענען פארהאן 89 בעטן פאר קינדער אין די בראנקס, און די נייע קאפאציטעט ביי Montefiore Einstein טוט רעפרעזענטירן א כמעט 31 פראצענט העכערונג אין קינדער'ס אינפעישענט בעטן פאר די באראו.

די נייע צענטער איז א רעזולטאט פון א [3.1 ביליאן דאלאר]() קאפיטאל גרענט פון די סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונטהייט, 7 מיליאן דאלאר פון ניו יארק סטעיט'ס אויפפירונג געזונטהייט צענטערן פון אויסצייכענונג פאנד (Behavioral Health Centers of Excellence Fund), און א 6 מיליאן דאלאר קאפיטאל ווידעמונג פון אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל היסטי) און אסעמבלי מיטגליד Michael Benedetto (מייקעל בענעדעטאו). די פראיעקט האט אויך באקומען שטיצע פון א פריוואטע נדבה ענטהאלטן דורך Montefiore Einstein און נאך פינאנצירונג פון סטעיט עטארני Letitia James (לעטישע דשעימס).

די צענטער איז אנטוויקלט געווארן מיט די דירעקטע איינפלוס פון יונגע פאציענטן און ספעציפיש אין דער באראו צוליב די קאמיוניטי געברויך. א געשאצטע 21 פראצענט פון קינדער צווישן די יארגאנג פון פינעף און 17 וואס וואוינען אין די בראנקס האבן א דיאגנאזירטע אויפפירונג געזונטהייט פראבלעם. די נייע צענטער וועט פארבעסערן די אנהאלטונג פון קעיר פאר בראנקס פאציענטן און אויטפעישענט באהאנדלונג, אנטוויקלען אן ארבעטסקראפט פייפ-ליניע פאר מולטי-דיציפלענערי שטאב צו אריינגעמען סאושעל ווארקערס, נורסעס, פסיכאלאגן און פסיכיאטער, און צושטעלן בארייכערטע טרענירונג פאר מעדיצינישע סטודענטן און אנדערע געזונטהייט פראפעסיאנאלן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישענער Dr. Ann Sullivan (דאקטאר ען סאליוועןן) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז שטארק פארפליכטעט צו העלפן קינדער און יונגע מענטשן זיך צו ערהוילן פון גייסטישע קרענק כדי זיי זאלן קענען לעבן און בליען אין זייער קאמיוניטי. Montefiore Einstein'ס פראיעקט טוט צולייגן שטארק-נויטיגע אינפעישענט קאפאציטעט צו די בראנקס, וואס וועט צוגעבן צו די פילע אוטפעישענט סערוויסעס און שטיצע וואס מיר טוען איוסברייטערן דורכאויס דעם געגנט. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוען מיר אויסברייטערן בעטן און פארשטערקערן אונזער נעטווארק פון קעיר צו צושטעלן הויכע-קוואליטעט סערוויסעס פאר אונזערע קינדער און פאמיליעס אין די בראנקס."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער Dr. James McDonald (דאקטאר דשעימס מעקדאנאלד) האט געזאגט,** "די נייע פאסיליטעט, אפערירט דורך Montefiore Medical Center, וועט פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט רעזולטאטן, וואס וועט ביים ענדע פירן צו פארבעסערטע אלגעמיינע געזונטהייט תוצאות. גאווערנאר Hochul (האקול) האט נאכאמאל ארויסגעוויזן איר טיפע פארפליכטונג צו שטיצן אונזערע קאמיוניטי-באזירטע שפיטעלער און פאסיליטעטן צו פארזיכערן אז זיי האבן די קאפאציטעט צו קענען ווייטער צושטעלן הויכע קוואליטעט קעיר פאר די קאמיוניטיס וואס זיי סערווירן."

**סטעיט סענאטאר Gustavo Rivera (גוסטאוואו ריווערא) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) און איר אדמיניסטראציע פאר'ן ארבעטן מיט Montefiore Medical Center צו עפענען די שפאגל-נייע אינפעישענט פסיכיאטרישע פאסיליטעט אין די בראנקס. די איינהייט

וועט העלפן אומצאליגע יונגע בראנקס איינוואוינער מיט קאמפלעצירטע אויפפירונג געזונטהייט געברויכן דורך זיי צושטעלן באהאנדלונג און אנדערע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס. אין די צייט וואס מיר מאכן אונזערע וועג דורך אומזיכערע טערעטאריע ווען עס קומט צו העלט-קעיר, מוז אונזער סטעיט מאכן די אינוועסטירונגען אין אונזער סיסטעם צו פארזיכערן אז קאמיוניטיס קענען צוקומען צו די אלע קעיר וואס זיי דארפן."

**סטעיט סענאטאר Nathalia Fernandez (נאטאליא פערנאנדעז) האט געזאגט,** "קיין שום יונגע מענטש זאל זיך קיינמאל נישט דארפן אליינס מוטשענען מיט מענטעל העלט. די עפענונג פון די נייע קינדער'ס מענטעל העלט פאסיליטעט טוט געבן פאר פאמיליעס אין די בראנקס א פלאץ וואו קעיר ווערט געגעבן מיט רחמנות, באהאנדלונג איז ווירקזאם, און מען קען אלעמאל באקומען שטיצע. די צענטער שטעלט צו האפענונג פאר יונגע מענטשן און פאמיליעס וואס גייען אריבער זייערע שווערסטע מאמענטן און דערמאנט זיי אז זיי זענען נישט אליינס. אין א צייט וואס די דרוק פון די מאדערנע לעבן און די כסדר'דיגע פארבינדונגען טוען לייגן א שווערע לאסט אויף אונזערע קינדער, איז די אינוועסטירונג א דורכגעטראכטע און צייטליכע רעאקציע צו די מענטעל העלט שוועריגקייטן וואס אזויפיל פאמיליעס גייען דורך."

**אסעמבלי ספיקער Carl E. Heastie (קארל א. היסטי) האט געזאגט,** "יוגנטליכע מענטעל העלט איז א גרויסע פראבלעם אין אונזער סיטי. די מעלדונג איבער א קינדער'ס מענטעל העלט פאסיליטעט אין די בראנקס איז א שטארק נויטיגע ריסאורס פאר א קאמיוניטי וואס איז אויסגעשטעלט צו פראבלעמען ווי אנגעצויגנקייט, דעפרעסיע און פיל נאך. איך וויל באדאנקען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר אנגייענדע וואכזאמקייט צו די קאמיוניטי'ס געברויכן און פאר די אוועקשטעלונג פון פראגראמען און אינסטיטוציעס געצילט אויף די אלגמיינע וואוילזיין פון אונזערע יונגווארג. באשיצן די גייסטישע געזונטהייט פון יונגע מענטשן איז אן אינוועסטירונג וואס פארלאנגט די צייט און מוה פון אלע צדדים - ווי רעגירונג, נאן-פראפיטס, און העלט-קעיר פראוויידער. א דאנק פאר Montefiore Health פאר אייער שותפות און איבערגעגעבנקייט פאר די בראנקס."

**אסעמבלי מיטגליד Jeffrey Dinowitz (דזשעפערי דינאוויץ) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) און ניו יארק סטעיט ערוועהלטע באאמטע האבן נאכאמאל פריאריטיזירט די אויסברייטערונג פון מענטעל העלט סערוויסעס פאר אונזערע יונגווארג. די עפענונג פון די 21-בעטן צענטער אין די בראנקס צייכנט אפ א וויכטיגע אינוועסטירונג אין די וואויל-זיין פון אונזערע קינדער און פאמיליעס. די נייע פאסיליטעט וועט אויסברייטערן צוטריט צו לעבנס-רעטנדע באהאנדלונג און פארזיכערן אז יונגע מענטשן וואס ליידן פון ערנסטע אויפפירונג געזונטהייט פראבלעמען באקומען די ווארעמע, ברייטע און צייטליכע קעיר וואס עס קומט זיך זיי. אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון אלע ניו יארקער איז די איינציגסטע וועג פאר אונזער סטעיט צו מצליח זיין און די נייע פאסיליטעט אין די בראנקס איז א נויטיגע שריט אין יענער ריכטונג."

**אסעמבלי מיטגליד Michael Benedetto (מייקעל בענעדעטאו) האט געזאגט,** "פאר צו לאנג, האבן בראנקס פאמיליעס זיך געטראפן מיט באגרעניצטע אפציעס ווען זייערע קינדער זענען אריבער א גייסטישע געזונטהייט קריזיס. די נייע אינפעישענט צענטער פון Montefiore Einstein וועט טוישן יענער מציאות דורך געבן פאר אונזערע יונגע מענטשן א פלאץ וואו זיך צו היילן, ערהוילן און ווערן געשטיצט דורך עקספערטן וואס פארשטייען צו זייערע געברויכן. איך בין שטארק דאנקבאר צו Montefiore פאר איר פירערשאפט און זעה עס אלס א כבוד צו האבן געארבעט מיט ספיקער Heastie (היסטי) און גאווערנאר Hochul (האקול) צו פארזיכערן די פראיעקט, וואס רעפרעזענטירט א גרויסע טריט פאראויס אינעם ריכטונג פון מאכן יונגווארג מענטעל העלט מער צוטריטליך און גלייכבארעכטיגט."

**אסעמבלי מיטגליד Jo Anne Simon (דשאו ען סיימאן) האט געזאגט,** "די נייע יונגווארג אינפעישענט פאסיליטעט וועט צושטעלן ווארימע קעיר פאר יונגע מענטשן וואס גייען אריבער גייסטישע געזונטהייט שוועריקייטן. דורך אויסברייטערן אינפעישענט קאפאציטעט אין די בראנקס, טוען מיר פארשטערקערן די אנהאלטונג פון קעיר און פארזיכערן אז קינדער באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן אין זייערע קאמיוניטיס. איך באגריס גאווארנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו בויען א שטערקערער, מער רעספאנסיוו מענטעל העלט סיסטעם,"

די נייע צענטער זעצט פאר גאווערנאר Hochul's (האקול) שטארקע רעקארד פון אינוועסטירן אין גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און שטיצע פאר יונגע ניו יארקער. אין צוגאב צו ברענגען א באדייטנדע העכערונג אין אינפעישענט קאפאציטעט אין סטעיט-אפערירטע פסיכיאטרישע צענטערן -די גרעסטע אין צענדליגע יארן -האט זי שטארק אויסגעברייטערט אוטפעישענט פראגראמען געאייגנט צו העלפן מענטשן דורכאויס זייער ערהוילונג.

גאווערנער Hochul's (האקול) נאציאנאל-פירנדע פארפליכטונג צו באשיצן די גייסטישע געזונטהייט פון יונגע ניו יארקער האט געברענגט גאר גרויסע אינוועסטירונגען אין יוגנט סערוויסעס און שטיצע. איר 1 ביליאן דאלאר גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוו און הונדערטע מיליאנען דאלארן אין פינאנצירונג אין נאכפאלגנדע בודשעטן האבן שטארק אויסגעברייטערט צוטריט צו קעיר פאר יונגע מענטשן און זייערע פאמיליעס - פון העכערן אינפעישענט און רעזידענטשעל באהאנדלונג קאפאציטעט ביז בויען קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס געאייגנט צו העלפן יונגווארג קענען פארבלייבן אינדערהיים אין אין זייער קאמיוניטי.

OMH טוט יעצט פינאנצירן 20 יוגנט עסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג ( Youth Assertive Community Treatment, ACT) טיעמס, וואס שטעלן צו יוגנט און פאמיליע טעראפיע, מעדיצין מענעדשמענט, פאמיליע און פריינט שטיצע און סקיל-אויפבויאונג. די אגענטור שטיצט צוויי יוגנט ACT טיעמס אין די בראנקס, אריינגערעכנט איינס וואס שטעלט צו סערוויסעס פאר 36 יוגנטליכע און א צווייטער וואס האלט אינמיטן אנטוויקלט ווערן.

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך אויסגעברייטערט שולע-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס, וואס העלפן סטודענטן באקומען א לייסענסד מענטעל העלט קעיר פראוויידער אין א באקוועמע סביבה וואו זיי דארפן זיך נישט שעמן אויף זייערע שולע קאמפוס. די סטעיט טוט יעצט שטיצן 1,265 קליניק סעטעלייטס, אריינגערעכנט 50 וואס אפערירן יעצט אין שולעס אין די בראנקס.

OMH טוט אויך יעצט שטיצן 55 היים באזירטע קריזיס אינטערווינירונג ( Home Based Crisis Intervention) טיעמס, וואס סערווירן יונגווארג צווישן די עלטער פון 5 און 20 יאר און שטעלן צו אינטענסיווע פערזענליך-געאייגנטע סערוויסעס צו העלפן פאמיליעס האלטן יונגע מענטשן וואס ערהוילן זיך פון גייסטישע קרענק אין זייערע אייגענע היימען. עס זענען יעצט פאראן צוויי טיעמס וואס אפערירן אין די בראנקס וואס האבן ביידע צוזאמען שוין דאס יאר געארבעט מיט 200 פאמיליעס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן